# פרשת ויקרא כ"ד אדר – א' ניסן תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויקרא***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לכתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה ע"י הר"ר **ברוך מענדל גרינבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל **הגה"צ אב"ד כוונת הלב שליט"א**, שישב שבעה על פטירת אשתו הרבנית ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח סימן תע"ט, דיני ברכת המזון בליל פסח על כוס שלישי). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז מען האט געענדיגט די כלים פון די משכן, און מען האט עס געברענגט פאר משה רבינו, און דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, ביום החודש הראשון באחד לחודש תקים את המשכן (שמות מ-ב), אז ער זאל אויפשטעלן דעם משכן דעם ערשטען טאג פון חודש ניסן. כ"ג אדר האט זיך אנגעהויבען די שבעת ימי המילואים, און ראש חודש ניסן האט מען אויפגעשטעלט די משכן.

**אין** מדרש (תנחומא פקודי יא) איז דא א מחלוקת, ווען דער משכן איז געענדיגט געווארן. דאס איז יעדער מודה, אז מען האט אנגעהויבען צו מאכען די משכן, ממחרת יום הכיפורים. דעמאלטס איז משה רבינו אראפגעקומען פון בארג סיני, און ער האט איבערגעגעבן די מצוה פון מאכען א משכן. און די ערשטע צוויי טאג האט מען צוזאמגענומען געלט, און תיכף מוצאי סוכות האט מען געקענט אנהייבען צו טון די עבודה פון די משכן, און מען האט עס אויפגעשטעלט ראש חודש ניסן. עס איז אבער דא א מחלוקת ווי לאנג עס האט גענומען צו מאכען די כלים. איין דעה איז דא אין מדרש אז א גאנץ ווינטער האט מען געמאכט די משכן, און ראש חודש אדר איז פערטיג געווארן די משכן.

**א** צווייטע דעה איז דא אין מדרש, אז עס האט נישט גענומען מער פון צוויי און א האלב חדשים, כ"ה כסלו האט מען געענדיגט אלעס וואס עס פעלט אויס. און כ"ה כסלו האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, שטעל נישט אויף די משכן יעצט, נאר מען זאל ווארטען ביז ראש חודש ניסן. ווייל אזוי ווי אין חודש ניסן איז געבוירען געווארן יצחק, און ווען יצחק איז געבוירן געווארן איז געווען א שמחה אויבען ביים אייבערשטען, האט דער אייבערשטער געזאגט, לאמיר צוזאם נעמען די צוויי שמחות, און מען זאל אויפשטעלן די משכן אין די חודש פון לידת יצחק, און מען האט עס אפגעשטופט אויף ניסן. וואס איז די ענין, אז מען האט אויפגעשטעלט די משכן דווקא אין דעם חודש וואס יצחק איז געבוירען געווארן.

**עס** שטייט אין די גמרא (ברכות ל.), אז דער בית המקדש ווערט אנגערופן צוואר, כמגדל דוד צווארך דער בית המקדש איז אזוי ווי דער מגדל דוד, בנוי לתלפיות (שיר ד-ד), תל שכל פיות פונים בו. כמגדל דוד צווארך, עס שטייט ביי יוסף (בראשית מה-יד) ויפול על צוארי בנימין, און די גמרא פרעגט (מגילה טז:) צוארי, מערערע העלזער, ער האט דאך נאר געהאט איין האלדז. נאר יוסף האט געוויינט אויף די צוויי בתי מקדשות וואס וועלן זיין בחלקו של בנימין. דער בית המקדש ווערט אנגערופן צואר.

**מען** געפונט אין די גמרא (זבחים נד:), אז אין פסוק שטייט נישט, וואו מען זאל בויען דעם בית המקדש. דוד המלך איז געזעסן מיט שמואל הנביא א גאנצע נאכט, און זיי האבען אויסגע'חשבונ'ט וואו מען דארף בויען דעם בית המקדש, אז עס זאל זיין אויפן העכסטן פלאץ, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים יז-ח) וקמת ועלית אל המקום. ביז זיי האבען געטראפען דעם הר הבית ווי מען האט געבויט דעם בית המקדש, אז דאס איז די ריכטיגע פלאץ ווי מען דארף אויפשטעלן דעם בית ה'.

**לכתחילה** האבען זיי עס געוואלט מאכען נאך העכער פון ווי עס איז היינט דער בית המקדש. דער בארג פון הר הבית גייט נאך העכער, 'עין עיטם' איז

א העכערער בארג פון דעם הר הבית, און זיי האבען געוואלט דארט אויפשטעלן דעם בית המקדש. נאכדעם האבען זיי געזאגט, אז עס שטייט אין פסוק (דברים לג-יב) ובין כתיפיו שכן, אז דער אייבערשטער רוהט בין כתיפיו. נישט אויפן קאפ, נאר צווישן די אקסלען. האט מען אויפגעשטעלט דעם בית המקדש אביסל אראפצו. דער בית המקדש איז נישט אויפן שפיץ פונעם בארג, נאר עס איז אביסל אראפצו. וואס איז דער ענין, אז מען האט געוואלט אויפשטעלן דעם בית המקדש אינדערהייך, און דער אייבערשטער האט געזאגט, ובין כתפיו שכן, אז עס זאל זיין בין כתיפיו.

**דער** וועלט דערציילט א מעשה פונעם **צאנזער רב** זי"ע, אז ער איז אמאל געזעסן ביי זיך אין שטוב מיט א גרויסען גאון, און געשמועסט אין לערנען. און מען איז געקומען זאגען פארן **צאנזער רב**, אז דער **צמח צדיק פון וויזניץ** איז געקומען אויף א באזוך. האט זיך דער **צאנזער רב** אויפגעהויבען אינמיטן שמועס, און ער איז ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין דעם **צמח צדיק**. און די בני בית וואס זענען דארט געווען האבען אנגעקוקט, אז עס איז געווען א שטיקעל פגיעה אין דעם גדול וואס איז געזעסן דארט, אז ער האט אים איבערגעלאזט, און ער איז ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין דעם **צמח צדיק**. און מען האט עס פארגעהאלטן פארן **צאנזער רב**.

**האט** דער **צאנזער רב** געזאגט, דער רבונו של עולם האט געהאט צוויי חשובע בערג. דעם בארג סיני, וואס דארט האט מען געגעבן די תורה. און דעם הר המוריה, וואס דארט האט אברהם געברענגט יצחק אויף די עקידה. און ווען מען האט געוואלט בויען דעם בית המקדש, האט דער אייבערשטער נישט בוחר געווען דעם בארג סיני, אז דארט זאל מען אויפשטעלן דעם בית המקדש, נאר ער האט בוחר געווען דעם הר המוריה. פארוואס האט ער ענדערש בוחר געווען דעם הר המוריה, ווי דעם הר סיני. זאל דער הר סיני ווי מען האט געגעבן די תורה, זיין די פלאץ ווי עס זאל זיין דער בית ה'.

**האט** דער **צאנזער רב** געזאגט, דער הר סיני האט טאקע א גרויס חשיבות, מען האט דארט געגעבן די תורה, און די תורה איז די העכסטע פון אלעם. פון די דריי זאכען וואס די וועלט שטייט, איז תלמוד תורה כנגד כולם (פאה א-א). אבער א בית ה' וואס דער אייבערשטער איז מחשיב, איז א פלאץ ווי א יוד שטרעקט זיך אויס דאס האלדז זיך צו שחט'ן פארן אייבערשטען. דער הר המוריה וואו יצחק האט זיך געלאזט שחט'ן פארן אייבערשטען, איז חשובער ביים באשעפער, ווי דער מקום וואו מען האט געגעבן די תורה.

**און** די ביאור דערפון איז, תורה איז זייער חשוב, ווייל די תורה ברענגט לידי מעשה. עס ברענגט דערצו, אז א יוד זאל זיך נאכדעם מוסר נפש זיין אויף אלע מצות פון די תורה. די תורה פאר זיך אליין, אויב מען האט נישט נאכדעם מסירת נפש פארן אייבערשטען, האט עס נישט דעם חשיבות. דער בארג סיני איז תורה, תורה אליין איז נאכנישט אזוי גרויס. אבער דער הר המוריה, וואס נאכדעם וואס מען איז מקבל די תורה, איז ער זיך גרייט מוסר נפש צו זיין אויפן דיבור פונעם אייבערשטען, דאס איז חשוב ביים אייבערשטען. - האט דער **צאנזער רב** געזאגט, תורה איז טאקע גרויס, ער איז א גאון אין תורה. אבער די עבודה פונעם **צמח צדיק** וואס האט מסירת נפש פארן אייבערשטען שטענדיג, איז חשובער פון תורה. אזוי ברענגט מען צו פונעם **צאנזער רב זי"ע**.

**קומט** אויס, אז פארוואס האט מען בוחר געווען דעם הר הבית פאר דעם מקום המקדש, ווייל אויף דעם הר המוריה האט יצחק אויסגעשטרעקט זיין האלז פארן באשעפער. וועגן דעם ווערט דער מקום המקדש אנגערופן צואר, ווייל דארט האט זיך א יוד אויסגעשטרעקט דאס האלז פארן אייבערשטען. ווען מען האט געוואלט בויען דעם בית המקדש אינדערהייך, על הראש, זאגט דער פסוק, ניין, נישט אויפן קאפ זאל מען בויען דעם בית המקדש, נאר אראפצו, בין כתיפיו. דער ראש ווייזט אויף תורה, די תורה וואס א מענטש לערנט, איז אינעם קאפ. מיט די חכמה פונעם קאפ לערנט ער תורה. די האלדז וואס איז בין כתיפיו, דאס איז דאס פלאץ ווי א מענטש שחט זיך פארן אייבערשטען, דער באשעפער האט געוואלט ווייזען, אז דער בית המקדש איז נישט אויפן קאפ

פון תורה, נאר אויף די האלדז. נאכדעם וואס מען האט א קאפ וואס איז אנגעפילט מיט תורה, און א מענטש איז גרייט אויף מסירת נפש, אוועקצוגעבן זיין האלז זיך צו שחט'ן פארן אייבערשטען, דאס האט א חשיבותביים אייבערשטען. האט דער אייבערשטער געהייסען, אז מען זאל בויען דעם בית המקדש אויפן הר המוריה, ווייל דאס איז די פלאץ ווי מען האט געברענגט יצחק פאר די עקידה.

**קומט** אויס, אז דער הר המוריה, דאס איז יצחק, די שורש פון מסירת נפש, וואס ער האט זיך מוסר נפש געווען פארן אייבערשטען. און יעדע זאך איז דא אין די דריי זאכען, עולם, שנה, נפש. אין נפש איז יצחק געווען דער שורש פון מסירת נפש. אין די פלאץ פון די וועלט, איז מסירת נפש געווען אויפן הר המוריה. יעצט ווען מען האט געדארפט בויען א משכן אין מדבר, וואס דארט איז נישט דא דער כח פון יצחק. עס איז נישטא קיין הר המוריה, און עס איז נישטא קיין יצחק, וואס זאל ווייזען אז די השראת השכינה איז אויף א פלאץ פון מסירת נפש. האט דער אייבערשטער געזאגט, אמת טאקע, אז איך האב נישט דא א יצחק, א פלאץ ווי ער האט זיך מוסר נפש געווען פארן באשעפער, אבער מסירת נפש אין זמן, איז חודש ניסן, ווייל דעמאלטס איז יצחק געבוירן. האט דער אייבערשטער געזאגט, אז מען זאל אויפשטעלן די משכן אין דעם חודש וואס יצחק איז געבוירן געווארן, צו ווייזען אז די חשיבות פון א משכן ה', איז די מסירת נפש וואס א יוד האט פארן אייבערשטען.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן ש"ב הרב רבי **אברהם יחזקאל גרינפעלד** שליט"א (חתן הרה"ג **רבי משה דייטש** זצ"ל, רב דקהל בית שלום שאון-קאטאמון, לונדון), עב"ג בת הרב רבי **חיים יעקב אונגער** שליט"א (ב"פ), שהתקיים באולם פאפא (ב"פ).

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **מנחם ברילל** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **אברהם חיים שפיטצער** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***<u>יום שני פרשת ויקרא</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **ברוך הערשקא** הי"ו.

בשעות הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** הוווארט של בת הר"ר **חיים יהודא שפיץ** הי"ו (בן הר"ר **בן ציון שלום שפיץ** הי"ו, ב"פ), עב"ג בן הר"ר **הערשל שאנבערגער** הי"ו.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **אלעזר דערבארעמדיגער** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של בת הר"ר **זכרי' שטיינמץ** הי"ו (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **בנימין נחום בלייער** הי"ו, שהתקיים באולם אנשי ספרד.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של בת ש"ב הרב רבי **ישראל אהרן כ"ץ** שליט"א (בן כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א), עב"ג בן הרה"ג רבי **משה אלי' היימליך** שליט"א, שהתקיים באולם פאפא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **חיים ניסן טויבער** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **אברהם אהרן פריעדמאן** הי"ו (מאנסי), שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***<u>יום שלישי פרשת ויקרא</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יונה לעפקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**אדם** כי יקריב מכם קרבן לה', מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם. וסמך ידו על ראש העולה וכו' (ויקרא א-ב). דער הייליגער **חתם סופר**

שרייבט, אז די הלכה איז, אז אן ערל האט געקענט ברענגען א קרבן, אבער ער האט נישט געקענט אריינגיין אין בית המקדש אלץ ערל, און ער האט געמוזט שיקען זיין קרבן אין בית המקדש (פסחים סב.). סמיכה האט מען געמאכט אין בית המקדש, און עס איז געווען דורך די בעלים. אויב די בעלים זענען געווען ערלים, האבען זיי נישט געקענט אריינגיין אין בית המקדש, און זיי האבען נישט געקענט סומך זיין אויף זייער קרבן. אבער טאמער די בעלים זענען געווען געמל'ט, האבען זיי געקענט אריינקומען, און סומך זיין אויפן קרבן.

**מילה** איז א קרבן וואס א מענטש ברענגט קודם פון זיך אליין. כי עליך הרגנו כל היום (תהלים מד-כד), זו מילה (גיטין נז:). 'אדם כי יקריב 'מכם' קרבן לה', אויב א מענטש האט קודם מקריב געווען פון זיך א קרבן פארן אייבערשטען, וואס דאס גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה, וואס איז אזוי ווי הקרבת הקרבן, דעמאלטס קען זיין, 'וסמך ידו על ראש העולה', קען ער אריינקומען אין בית המקדש, און ער קען מקיים זיין די מצוה פון סמיכה. אבער טאמער ער מל'ט זיך נישט, קען ער טאקע שיקען קרבנות, אבער די סמיכה וועט אים פעלן.

**עס** קען אפשר זיין דער ענין וואס דער **חתם סופר** זאגט, אז אדם כי יקריב מכם קרבן לה', גייט ארויף אויף מצות מילה, און נאכדעם זאגט דער פסוק, מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם. קרבנות איז א זאך וואס איז א חוק, מיר פארשטייען נישט דעם טעם פון קרבנות. בפשטות זאגט דער **רמב"ן** (בפרשתנו) אז ווען א יוד האט געברענגט א קרבן, האט עס אים געלערנט, אז דאס וואלט זיך געקומען אז מען זאל טון מיט אים אליין. א מענטש האט געזינדיגט פארן אייבערשטען, נפש החוטאת תמות (יחזקאל יח-ד). נאר דער אייבערשטער האט זיך מרחם געווען, אז מען קען ברענגען א קרבן אנשטאט דעם מענטש אליין. אבער א יוד ווען ער ברענגט א קרבן, און ער זעהט וואס מען טוט מיט דעם קרבן, מען נעמט דעם קרבן און מען שחט עס, והפשיט את העולה ונתח אותו לנתחיה (ויקרא א-ו), דארף ער טראכטען אז דאס וואלט זיך געקומען פאר אים, נאר דער אייבערשטער האט אים פודה געווען, און ער ברענגט עס דורך א קרבן. עס שטייט אין הייליגע ספרים, זאת תורת העולה, היא העולה (ויקרא ו-ב). די תורת העולה איז, אז ער דארף אליין זיין דער עולה.

**קומט** אויס, אז דער ענין פון א קרבן לערנט דעם מענטש מסירת נפש. אז א מענטש דארף זיך לאזען שחט'ן פארן אייבערשטען. פון ווי האט א מענטש א כח פון מסירת נפש, דאס נעמט זיך פון מצות מילה. יעדעס קינד נאך אכט טאג פון ווען ער איז געבוירן, נעמט דער טאטע דאס קינד, און ער מל'ט אים, עס איז אן ענין פון מסירת נפש, און פון דעסטוועגן דאך, טוט יעדער טאטע מקיים זיין די מצוה, און ער ברענגט אריין זיין קינד בשמחה בבריתו של אברהם אבינו. און דורך דעם לייגט ער אריין א כח אין דעם קינד, אז דאס קינד זאל זיך שטענדיג קענען מוסר נפש זיין פארן אייבערשטען. עס שטייט אין הייליגע ספרים, כי עליך הרגנו 'כל היום', זו מילה, פארוואס איז עס 'כל היום', מילה איז מען נאר מקיים איינמאל אינעם לעבן. נאר דורך דעם וואס א יוד מל'ט זיך, האט ער דעם כח, אז זיין גאנץ לעבן, ווען א מענטש דארף זיך הרג'ענען פארן אייבערשטען, ווען ער דארף האבען אן ענין פון מסירת נפש, קען ער עסביישטיין, ווייל ער האט דעם כח פון מצות מילה פון פריער. כי עליך הרגנו כל היום, אז א מענטש זאל זיך קענען הרג'ענען פארן אייבערשטען דעם גאנצן טאג, זו מילה, דאס קומט פונעם כח פון מצות מילה.

**קומט** אויס, אז נאך די מצוה פון מילה קען א מענטש ברענגען א קרבן, און ער זאל זיין דערביי, אז ווען מען איז מקריב דעם קרבן, זאל ער טראכטען כאילו ער איז דער קרבן. 'אדם כי יקריב מכם קרבן לה', קודם זאל זיך א מענטש מל'ן, און ער זאל מקריב זיין פון זיך א קרבן פארן אייבערשטען, נאכדעם 'מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם', קען ער ברענגען א קרבן פארן אייבערשטען מן הבקר ומן הצאן.

**איך** האב היינט געטראכט, מען זעהט אז עקידת יצחק איז א גאנצער עסק. יצחק האט זיך געלאזט מוסר נפש זיין פארן אייבערשטען, און שטענדיג דערמאנען מיר די עקידת יצחק. און דער

אייבערשטער אליין האט געזאגט, אשר יאמר היום בהר ה' יראה (בראשית כב-יד), מען וועט אייביג געדענקען אפרו של יצחק וואס איז צבור לפני המקום. אברהם אבינו האט זיך אויך מוסר נפש געווען פארן אייבערשטען, ער האט זיך געלאזט אריינווארפען אין אור כשדים, נאך פאר יצחק. און אין א געוויסען זין, איז אברהם אבינו'ס מסירת נפש געווען א העכערע מסירת נפש פון יצחק. יצחק איז געווען א מצווה ועושה, ער האט נאר געטון וואס מען האט אים געהייסען, צו ער האט יא געוואלט צו ער האט נישט געוואלט, דער אייבערשטער האט געהייסען, האט ער געדארפט פאלגען. און אברהם האט זיך מוסר נפש געווען אן דעם וואס מען האט אים געהייסען, איז דאך לכאורה דער מסירת נפש פון אברהם אבינו, אין א העכערע מדריגה פון יצחק. און פארוואס דעמאנען מיר אייביג עקידת יצחק, פארוואס רעדט מען נישט פון אברהם אבינו.

**עס** קען זיין, אז אברהם אבינו'ס מסירת נפש, איז געווען א קרבן פארן אייבערשטען. און אברהם אבינו האט געהאט דעם מסירת נפש, ווען ער איז נאך געווען אן ערל, ער האט זיך נישט געהאט געמל'ט. קומט אויס, אז דער קרבן האט געהאט אויף זיך א מום, ווייל ער איז נאך געווען אן ערל. התהלך לפני והיה תמים (בראשית יז-א), מען איז נישט א תמים, ביז מען מל'ט זיך נישט. עס איז טאקע זייער א חשוב'ער קרבן, אבער א קרבן וואס איז א בעל מום, קען מען נישט געדענקען אויף שטענדיג. אבער ביי די עקידה פון יצחק ווערט אייביג דערמאנט, אז ער איז געווען אן עולה תמימה. וואס איז דער 'תמימה'. ער וויל ארויסברענגען, דו וועסט פרעגן וואס איז דער חילוק צווישן אברהם און יצחק. אברהם איז אויך געווען אן עולה פארן אייבערשטען, פארוואס דערמאנט מען נאר יצחק. ווייל ביי אברהם האט געפעלט די תמימה, ער איז נישט געווען געמל'ט פאר דעם, קומט אויס, אז ער איז געווען אזוי ווי א קרבן וואס איז א בעל מום. אבער יצחק איז געווען אן עולה תמימה, ער האט זיך געהאט געמל'ט, התהלך לפני והיה תמים, איז נאכדעם אז ער האט זיך געברענגט פאר א קרבן פארן אייבערשטען, האט עס געהאט א חשיבות.

**קומט** אויס, אז ווילאנג א יוד איז נישט מקיים מצות מילה, איז זיין קרבן וואס ער ברענגט פארן אייבערשטען, א קרבן א בעל מום, אזוי ווי אברהם אבינו איז געווען. 'אדם כי יקריב מכם קרבן לה', ווען א מענטש מל'ט זיך קודם, ער איז קודם מקריב פון זיך א קרבן פארן אייבערשטען, נאכדעם 'מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם', ווען ער ברענגט א קרבן, און ער איז זיך מחשיב כאילו ער אליין איז זיך מוסר נפש פארן אייבערשטען, האט עס א חשיבות. ווייל די קרבן איז נישט א בעל מום, ער איז אן עולה תמימה. אבער אויב ער איז אן ערל, און ער ברענגט א קרבן פארן אייבערשטען, אפילו ער איז זיך מחשיב, הוא העולה, אז ער איז דער עולה, אבער דער עולה איז דאך א בעל מום, קען עס נישט נחשב ווערן פאר א קרבן. די חשיבות פון א קרבן איז, ווען א יוד מל'ט זיך קודם, און נאכדעם איז ער זיך מוסר נפש פארן אייבערשטען, דאס ווערט גערעכנט פאר אן עולה תמימה.

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **סיני ווייס** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה חיים דייטש** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם אימפריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **חיים יהודא שפיץ** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **הערשל שאנבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם באיאן. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **לוי יצחק פריעדמאן** הי"ו (ב"פ), עב"ג בת הר"ר **הערש אלימלך פרענקיל** הי"ו (מאנסי), שהתקיים באולם בעלזא. **רבינו שליט"א** נשא מדברותיו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

***וזה תוכן השיחה:***

**ועשו** לי מקדש ושכנתי בתוכם, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, אזוי ווי איך ווייז דיר דער געשטאלט פון די משכן מיט די כלים, וכן תעשו (שמות כה-ח), און

רש"י זאגט, לדורות. דער פשוטער פשט איז, אז טאמער עס וועט פארלוירען ווערן איינע פון די כלים פונעם משכן, זאל מען עס מאכען אויף דעם וועג, וואס עס שטייט אין פסוק.

**אין** די מפרשים שטייט, אז עס ליגט דערין נאך אן ענין, וואס איז נוגע צו שמחת חתן וכלה. איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם (סוטה יז.), אז מען איז זוכה, ווערט א שטוב פון א יוד א בית המקדש. וואס איז דער משכן, א פלאץ וואו דער אייבערשטער האט דארט געוואוינט. ווען מען שטעלט אויף א יודישע שטוב, און עס איז איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם, ווערט די שטוב א משכן פארן רבונו של עולם. ועשו לי מקדש, אויב מען וועט מאכען פאר מיר א משכן, ושכנתי בתוכם, בתוך כל אחד ואחד מישראל. ווען דער אייבערשטער העלפט, איז עס א נצחיות.

**זאגט** דער פסוק, ווי אזוי מאכט מען אז די שטוב זאל זיין א משכן. דו זאלסט נאכקוקען ווי אזוי עס איז געווען דער משכן. יעדע כלי אינעם בית המקדש, ווייזט אויף א געוויסע נקודה אין עבודת ה'. און וכן תעשו, אזוי זאלט איר טון. ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, אזוי ווי איך ווייז דיר דעם תבנית פון די משכן מיט די כלים, וכן תעשו לדורות, אזוי זאלט איר נאכטוהן לדורות. מען זאל זיך מתבונן זיין אין די כלים פון די משכן, און פון יעדע כלי זאל מען זיך אראפלערנען וואס דאס ווייזט, און פון דעם וועסטו וויסען, ווי אזוי מען דארף אויפשטעלן א משכן פארן אייבערשטען.

**וואס** זענען די כלים פון די משכן, וואס די תורה זאגט, אז אויב מען וועט אזוי נאכטון וועט זיין דארט א השראת השכינה. די חשוב'סטע כלים וואס די תורה פאנגט אן אויסצורעכענען איז אז מען דארף מאכען אן ארון, מיט א שלחן, מיט א מנורה,. פון דעם ווערט צוזאמגעשטעלט א משכן ה'. און יעדע פון די כלים ווייזט אויף א אנדערע נקודה. דער ארון ווייזט אויף די תורה הק', די לוחות זענען געלעגען אין דעם ארון. און דער ארון איז געווען אין קדשי קדשים, דער הייליגסטער פלאץ, ווייל די תורה איז די העכסטע קדושה וואס איז דא. אויב דו ווילסט מאכען א משכן פארן אייבערשטען, דארפסטו נעמען דעם ארון, ליגען אין תורה הק', אין קדשי קדשים, אפגעזונדערט פון הבלי עולם הזה, זיך מייחד זיין מיט די תורה הק'. דאס איז איינע פון די חלקים, ווי אזוי מען ווערט א מקדש.

**די** צווייטע חלק איז די שלחן, דער שלחן ווייזט אויף דעם עסן פונעם מענטש, די פרנסה פון א יוד, דאס דארף זיין לחם פנים לפני ה', דאס דארף זיין פארן אייבערשטען. די מנורה, דאס ווייזט אויף די מצות וואס א יוד איז מקיים, כי נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג), די תורה הק' ווערט אנגערופן אן אור. - און עס שטעלט זיך א קשיא, אויב די ארון ווייזט שוין אויף תורה, וואס האט די מנורה צוגעגעבן. און נאכדעם, אויב די מנורה ווייזט אויף אויף רוחניות, אזוי ווי דער ארון, דארף עס זיין צוזאמען, קודם דער ארון, און נאכדעם די מנורה, און נאכדעם רעדט מען פונעם שלחן. פארוואס האט מען אפגעטיילט, עס איז דא קודם דער ארון, און אינמיטן קומט אריין דער שלחן, און נאכדעם קומט די מנורה.

**נאר** אין די גמרא (קידושין כט:) איז דא א מחלוקת, צו ילמוד תורה ואחר כך ישא אשה, צו ישא אשה ואחר כך ילמוד תורה. היכי דמי יראת ה' טהורה עומדת לעד (תהלים יט-י), ווען עס איז ישא אשה ואחר כך ילמוד תורה. די תורה וואס מען לערנט ווילאנג מען איז נאך א בחור, מען איז נאך יונג, איז א גאנץ קליינער חלק פון די תורה, וואס מען זאל קענען דערמיט אויסשטייגען. עס איז נאר אויסצולערנען, ווי אזוי מען זאל אריינקומען אין תורה. דער עיקר חשיבות פון תורה איז, ווען מען איז נושא אשה, און די איבריגע יארן פון א מענטש, געבט ער זיך ווייטער איבער פאר תורה הק'. דאס איז די עיקר פון וואס מען ווערט אויפגעבויט אין תורה.

**די** תורה שבכתב איז געלעגן אין דעם ארון, אבער די מנורה איז שוין אן אנדערע סארט תורה. דארט איז שוין דא גביעים, כפתורים, און פרחים, וואס דאס ווייזט אויף די ציצים ופרחים וואס איז דא אין תורה הק'. א העכערע סארט תורה ווי דער ארון

איז געווען. וואס קומט אריין צווישן דעם ארון און די מנורה? די שלחן. וואס אויף דעם שלחן איז געווען לחם פנים לפני תמיד (שמות כה-ל), לחם שיש לו פנים (רש"י פסחים לז.). דער זיווג פון א מענטש ווערט אנגערופן לחם, כי אם הלחם אשר הוא אוכל (בראשית לט-ו). און דאס איז לחם פנים, א לחם שיש לו פנים. די ערשטע זאך הייבט מען אן מיט די ארון, די תורה הק', פון ווען מען קען רעדן, איז מען תיכף עוסק אין תורה. נאך דעם ארון קומט דער שלחן, דער לחם וואס איז יש בו פנים, נושא אשה ואחר כך ילמוד תורה. נאכדעם קומט דער חלק פון מנורה, אז די תורה וואס מען האט געלערנט זאל לייכטען, מאכען ציצים ופרחים פאר די תורה, און עוסק זיין אין תורה, און שטייגען אין תורה, איז דער זמן נאכדעם וואס מען האט חתונה. - און אויף דעם זאגט דער פסוק, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, אזוי ווי איך ווייז דיר ווי אזוי א משכן מיט די כלים דארף אויסצוקוקען, וכן תעשו, אזוי זאלט איר טון לדורות.

**דער** חשובער חתן האט שוין מקיים געווען דעם ארון ביז יעצט, געזעסן באהלה של תורה און פלייסיג געלערנט, מען האלט שוין יעצט ביים שלחן, און יעצט קומט די מנורה, אז די תורה וואס מען לערנט זאל שיינען. די חשיבות פון תורה איז, ווען עס איז נר מצוה ותורה אור, די תורה טוט באשיינען דעם מענטש, חכמת אדם תאיר פניו (קהלת ח-א). ווען מען זיצט און מען לערנט פלייסיג, און מען שטייגט אין תורה, דאס איז די עיקר חשיבות, נושא אשה ואחר כך ילמוד תורה.

*

אחר התנאים חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הר"ר **סיני ווייס** הי"ו. ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום רביעי פרשת ויקרא***

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **דוד לייב איצקאוויטש** הי"ו (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **מנחם יוסף הערצאג** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

*

***יום חמישי פרשת ויקרא***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **משה יוסף הלוי האפפמאן** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו השבועי באור החיים הק'.

אחר השיעור נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק להיות הכהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **הלל פישער** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם סקווירא.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **שלום וויינגארטען** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה דייטש** הי"ו (ב"פ, בן הר"ר **ישראל לייב דייטש** הי"ו, וומסב"ג), שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר מעריב מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט בבית ש"ב הרב **יוסף פאללאק** שליט"א (ב"פ, בן הרה"ג **רבי אשר גדלי' פאללאק שליט"א** אב"ד בראשוב).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **ישראל שטערן** הי"ו (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **ישראל דעמביצער** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם תורה ויראה.

*

***ערב שבת קודש פרשת ויקרא***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן ש"ב הרב **יוסף פאללאק** שליט"א, שהתקיים בבית המדרש בראשוב. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

*

***שבת קודש פרשת ויקרא - החודש***

ביום ערב שבת קודש עשה **רבינו שליט"א** את דרכו לעיר ניו דזשערסי, לעשות את השבת ולהתוועד יחד עם קהל אברכי אנשי שלומינו שיחי' מעיר מאנסי יצ"ו.

במשך יום השב"ק זכו קהל אנ"ש להתחמם ולהתרומם בצל הקודש בשעות של עונג רוחני והתרוממות הנפש, אשר הפיח רוח של חיזוק ועידוד להתעלות בדרכי החיים בעבודת השי"ת בתורה ויראת שמים, לעמוד איתן בנסיונות הזמן, לידע את המעשה אשר יעשון בהנהגת הבית וחינוך הבנים ועוד רבות, ורישומם הכבירה לא במהרה ימוש מקרב לב המשתתפים.

סדר יום השבת בפרטיה, התפלות הנעלות והסעודות המרוממות בשירות ותשבחות, והדרשות המאלפות שנשמעו במשך יום השבת, יבואו אי"ה בגליון הבא. (דברות קודש שהשמיע **רבינו שליט"א** בסעודתא דעתיקא קדישא ובסעודת רעוא דרעוין יצא לאור בגליון דברי תורה ע"י מכון מעדני מלך).